# זקניך ויאמרו לך

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל דסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת — גליון קפ"ו – מטות תשע"א לפ"ק — כיתה ח' ט'

תתתתקסז) א מעשה צו די יארצייט פון אונזער באבע הרבנית הצדיקת ע"ה א"ח

## כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זי"ע

פאר א יאר ווען די משפחה איז געזעסן שבעה ל"ע נאך די פטירה פון די באבע די רביצין הצדיקת מרת פעסיל לאה בת ר' אהרן ז"ל (די יארצייט איז מאנטאג כ"ג תמוז הבעל"ט) איז ארויף געקומען א פרוי מנחם אבל זיין די משפחה, און זי האט דערציילט אז זי איז אמאל געווען ביי די באבע ע"ה, און זי האט איר דערציילט אז זי ליידט אלעמאל פון קעלט, אפילו ווען עס איז נישט אזעלכע קאלטע טעג. און זי זוכט א רפואה דערצו.

האט איר די באבע מעורר געווען אז זי גייט נישט אנגעטון בצניעות מיט די דיקע זאכן לויט ווי כ"ק רביה"ק הדברי יואל זי"ע האט פארלאנגט פון די שטובער פון אנשי שלומינו, און זי האט איר געזאגט אז אויב זי וועט אנטון די צניעות'דיגע זאכן, וועט זי זיכער האבן א ישועה.

האט די פרוי דערציילט אז הערנדיג די אמת'ע הארציגע ווערטער פון די רביצין ע"ה האט זי געטוישט איר לבוש, און סיי זי, און זיי אירע קינדער גייען שוין נאר מיט די אויסגעהאלטענע ערליכע צניעות'דיגע זאכן. (ליפא אשכנזי)

תתתתקסח) עס דערציילט אונזער עלטער פעטער

## הרה"ח ר' שמואל יעקב טעללער הי"ו

אין ארץ ישראל אין די שטאט באר שבע, האט געוואוינט א איד מיטן נאמען רבי משה גראַאבער ע"ה ער האט געשטאמט פון נירבאטור. אויף די עלטערע יארן איז ער געקומען וואוינען קיין בני ברק, און ער האט געדאווענט ביי אונז אין סאטמארער ביהמ"ד אויף רחוב רמב"ם.

ער איז געווען זייער א בא'טעמ'טער א איד און עס האט זיך געגאסן פון אים שיינע בא'טעמ'טע חסידי'שע מעשיות. פאר די מלחמה איז ער געווען א חסיד'ישער איד, ער האט דערציילט ווי ער פלעגט גיין מיט א שטריימל פון 3-4 שפיצן (ווי אונזערע היינטיגע פורים שטריימלעך). און ער פלעגט דערציילן הערליכע זכרונות פון וואס ער האט געדענקט.

צווישן אנדערע האט ער מיטגעהאלטן דורכן פענסטער די דין תורה וואס איז געווען פאר די פטירה פונעם עצי חיים זי"ע, ווען **רביה"ק בעל דברי יואל** זי"ע און אנדערע רבנים האבן ארויסגעגעבן א פס"ד אז ער דארף געזונט ווערן און מאריך ימים זיין. ער האט דערציילט אז ער האט געזעהן דעם עצי חיים זי"ע ווען ער איז געלעגן באוואוסטלאז ל"ע, און בשעת מעשה האט ער געצויגן זיינע ציצית.

צווישן אנדערע האט ער מיר דערציילט אז ער האט זוכה געווען צו ראטעווען די רביצין הרבנית הצדיקת פעסל לאה ע"ה אין די קריג, ווען זי איז געווען ביי איינע פון די לאגערן ביים שוועל פון טויט ר"ל, און אין די לעצטע רגע האט ער איר מיט מיט די הענט ארויסגעשלעפט און געראטעוועט ממות לחיים.

יעדעס מאל ווען דער רבי פלעגט זיין אין ארץ ישראל, פלעגט די רביצין פארן ביז באר שבע אים באזוכן און מכיר טובה זיין אויף דעם וואס ער האט איר געראטעוועט, און זי פלעגט אים שיקן געלט.

מיט יארן שפעטער ווען דער רבי ז"ל איז געווען אין ארה"ק בשנת תשנ"ד, ביי זיין לעצטע באזוך אין ארץ ישראל, בין איך געגאנגען אין די רייע שלום נעמען פונעם רבי'ן אין היכל הבית המדרש הגדול אין שיכון סאטמאר, און פאר מיר איז געגאנגען דער ר' משה גראאבער ע"ה, און ווען ער האט אויסגעשטרעקט זיין האנט צו געבן 'שלום' פארן רבי'ן, האט דער רבי ממש אויסגעשריגן אויפן קול "עליכם שלום רבי משה", און דער רבי האט זיך ממש אויסטערליש געפריידט צו אים. ווען די מקורבים האבן געפרעגט דעם רבי'ן ווער איז דער איד, האט דער רבי געענטפערט "וואס הייסט ווער? ער איז מיין נכסי מלוג?!"... (בנימין יוסף מאיר טעללער)

תתתתקסט) עס דערציילט מיין עלטער פעטער

## הגה"צ אב"ד סאטמאר ב.פ. שליט"א

די באבע הרבנית הצדיקת ע"ה איז געווען זייער איבער געגעבן פארן זיידן מרן הברך משה זי"ע, און זי איז גרייט געווען צוליידן אז דער רבי זאל קענען אנגיין מיט זיין עבודת הקודש אומגעשטערט.

זייענדיג דער עלטסטער איידעם אין שטוב האט ער באמערקט אז עס וואלט ווען פיל פארלייכטערט פאר די רביצין אריינצונעמען א משרתת אין שטוב וואס זאל צוהעלפן מיט די ווירטשאפט אין שטוב, אזוי ווי עס איז געווען אין מערערע היימישע הייזער.

נאר היות עס איז געווען א קליינע הויז, און די קאך איז געווען נעבן דעם צימער וואו דער רבי איז געזעצן און געלערנט, און דאס וואלט ווען געשטערט פארן רבי'ן, האט די רביצין מוותר געווען דערויף, און אנשטאט דעם האט זי זיך שווערער געפלאגט טאג נאך טאג צו קענען נאכקומען די ארבעט. (מאיר אליעזר מייזליש)

תתתתקע) עס דערציילט מיין טאטע

## הרה"ח ר' משה חיים הכהן פריעדמאן הי"ו

האבנדיג די זכי' צו זיין מבאי ביתו פון מרן רבינו **הברך** משה זי"ע, האב איך זוכה געווען אסאך צו זעהן פונעם רבי'נס גדלות צדקות און קדושה. עס איז אבער דא א פונקט וואס איז כדאי ארויס צוברענגען דאס איז די אויסערגעווענליכע כבוד וואס דער רבי האט אפגעגעבן פאר די רביצין ע"ה, וואס איז געווען באופן יוצא מן הכלל.

בכל עת ובכל זמן האט איר דער רבי זייער מכבד געווען. אפילו אין די שפעטערדיגע יארן ווען דער רבי איז אהיימגעקומען פון ביהמ"ד פרייטאג צונאכטס האט ער אלס קודם געקוקט צי די רביצין האט שוין געענדיגט דאווענען, און אויב נישט האט ער זיך אוועק געזעצט ווארטן אויף איר. נישט איינמאל ווען די רביצין ע"ה האט נאכנישט געהאט געדאווענט האט ער געזאגט "גיי דאווענען, איך וועל ווארטן".

איינמאל ווען איך בין אריין צום רבי'ן מיט א קוויטל, און דער רבי האט געהאלטן אינמיטן ליינען מיין קוויטל, האט די רביצין געעפענט די טיר, און זי האט מיר געוואונקען אז זי וויל מיר עפעס זאגן. היות דער רבי האט געהאלטן אינמיטן ליינען דאס קוויטל האב איך געוויזן מיט די פינגער 'איין מינוט'.

ווען דער רבי האט דאס באמערקט האט ער זיך אנגערופן "ניין, גיי קודם קוקן וואס די רביצין וויל, קיינער וועט נישט אריינקומען אינדערמיט". (שמעון הכהן פריעדמאן)

תתתתקעא) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' משה פאגעל הי"ו

ווען **רביה"ק בעל דברי יואל** זי"ע האט מגלה געווען זיין דעת תורה בעניני הלכה איז דאס געווען נאר נאכדעם וואס ער האט דורכגעטון די הלכה בעומק העיון, און ער איז געווען זיכער בלי שום ספק, דאן האט ער געזאגט זיין חוות דעת בהלכה, און אז נישט האט ער נישט געזאגט.

דאס האט מען געזעהן ביי פארשידענע ענינים, ווי צום ביישפיל בנוגע די בחירות פון די לאקאלע שטאט-ראט (עירי') וואס כאטש דער רבי איז געווען זייער

שארף בנוגע די בחירות צום כנסת המינים, האט ער אבער נישט גע׳אסר׳ט די בחירות פאר די עירי׳. ווען אמאל האט הרה״ח ר׳ יענקל׳ע כהן ז״ל געפרעגט דעם רבי׳ן פארוואס ער אסר׳ט נישט די בחירות פאר די עירי׳? האט אים דער רבי געענטפערט ״איינס און א האלב יאר בין איך געזעסן און זיך געמוטשעט צו טרעפן א היתר צו גיין צו די בחירות, און איך האב נישט געטראפן האב איך עס גע׳אסר׳ט, און ביי ענק קומט ארויס איסורים פון ארבל״...

דער רבי האט אויך נישט געוואלט אז מ׳זאל זאגן אז ער האט דאס מתיר געווען, ער האט נאר געזאגט אז חז״ל זאגן ״אמור לחכמה אחותי את, אם ברור לך הדבר כאחותך שהיא אסורה תאמרהו, ואם לאו אל תאמרהו״, ממילא די בחירות לכנסת וואס דער איסור איז קלאר האט ער געזאגט זיין מיינונג, און בנוגע די בחירות לעיריה זאגט ער נישט. אזוי ווי דאס ביד״צ פון ירושלים האט דאס גע׳אסר׳ט האט דער רבי געהייסן אז אנ״ש פון ירושלים זאלן נישט גיין צו די בחירות, און אין בני ברק ווי די רבני העיר האבן יא געזעהן א תועלת דערין האט ער געלאזט גיין.

אזוי אויך איז געווען בנוגע די דייטשע ״ווידער-גוטמאכונג״ געלטער, וואס די דייטשן האבן געטיילט פאר די וואס האבן געליטן ביי די צווייטע וועלט מלחמה. האט דער תולדות אהרן רבי ז״ל אנגעפרעגט דעם רבי׳ן איבער דעם צי מ׳מעג דאס נעמען, האט דער רבי געענטפערט אז עס איז דא סברות לכאן ולכאן, און מ׳קען נישט אסר׳ן אויב עס איז נישט ברור כאחותך.

איך ווייס פון א איד וואס האט געפרעגט דעם רבי׳ן אז די דייטשן האבן אים באשטעטיגט $8000 פון די ווידערגוטמאכונג געלטער אויב ער זאל דאס נעמען. האט אים דער רבי געזאגט ״אויב דו פרעגסט מיך, זאג איך אז דו זאלסט נישט נעמען״. וויבאלד דער מענטש האט נישט געפרעגט צי עס איז מותר אדער אסור, נאר ער האט געוואלט וויסן וואס דער רבי האלט, האט אים דער רבי געזאגט חוות דעתו אז ער זאל נישט נעמען.

עס האט מיר דערציילט הגאון רבי צבי זשארקאוובסקי ז״ל חתן הגה״צ מנאנאש זצ״ל, אז די דייטשן האבן געהאט א עקסטערע פאנד וואס האט געגעבן געלט פאר די וואס האבן געדרוקט אידישע ספרים, און ער האט געדרוקט א כת״י פון רבינו יונה (כפי זכרוני איז דאס געווען א פירוש אויף מס׳ יומא). האט ער געפרעגט דעם רבי׳ן צי ער זאל נעמען דאס געלט.

האט אים דער רבי געענטפערט ״דער רבינו יונה איז געווען א קנאי, דרוק נישט זיין ספר פון זייערע געלטער״. (יעקב זילבערשטיין, שמעי׳ ברוך גאלד)

תתתתקעב) עס האט דערציילט אונזער זיידע

## הרה״ח ר׳ משה סופר ע״ה

ער האט געהערט פון זיין מומע די רביצין פונעם מעשי למלך זצ״ל, וועלכע איז געווען א טאכטער פון הרבני החסיד ר׳ פייוויל קליין ע״ה פון זענטא, אז עס איז געווען אין די צייטן פון **הרה״ק רבי ר׳ אלימלך זי״ע און רבי ר׳ זושא זי״ע** וואס עס איז געווען עפעס א גזירה מן השמים ר״ל, און די צדיקי הדור האבן זיך צוזאמען גענומען און זיי האבן פארארבעט מעשים מבטל צו זיין די גזירה. דאס איז אבער געווען זייער אן איינגעשטעלטע זאך וואס זיי האבן געטון, און מ׳האט געהייסן משמים פאר די צדיקים אז זיי זאלן מקבל זיין אויף זיך צו גיין גלות ליידן. זענען דעמאלטס געווען עטליכע פון די תלמידי הבעש״ט זי״ע וואס האבן דאס אנגענומען און זיי זענען געגאנגען גלות ליידן.

צווישן די צדיקים איז געווען אונזער זיידע **הרה״ק רבי אורי פייוויל מדובענקא זי״ע בעמח״ס אור החכמה**, וועלכער איז שוין דאן געווען אויף די עלטערע יארן, און ער האט נישט געקענט גיין גלות ליידן, האט ער גערופן זיין זון אונזער זיידע ר׳ משה און ער האט אים געהייסן גיין במקומו. און דער פאטער האט אים געהייסן גיין קיין ׳סענטא׳. (עס איז כדאי צו באמערקן אז די שטאט האט מען גערופן אויף סערביש ״סענטא״, און נאר ווען זי איז געווען אונטער אונגארן האט מען איר גערופן זענטא).

דער זיידע רבי משה האט זיך ארויסגעלאזט אויף א לאנגע שווערע וועג ביז ווען ער האט ענדליך געטראפן א שטאט ׳סענטאש׳, און ער האט זיך דארט געוואלט באזעצן. אבער קומענדיג אריין אין שטאט, און זעהנדיג אז עס איז דארט בכלל נישטא קיין אידישער ישוב איז ער געווארן זייער צובראכן, און ער האט זיך אויסגעדרייט און צוריק אהיימגעפארן דעם שווערן וועג קיין דובענקא אין פוילן.

ווען ער איז אנגעקומען אהיים האט ער געזאגט פארן טאטן אז ער איז שוין דארט געווען, ער האט געזעהן דעם מצב, און עס איז ביי אים קלאר אז עס איז נישטא קיין שום אויסזיכטן אז ער זאל דארט קענען אויפשטעלן ערליכע אידישע דורות, דעריבער איז ער אהיים געקומען. ווען דער פאטער האט אים אויפגעקלערט אז ער האט געמאכט א טעות ווייל ער האט אים געשיקט קיין ׳סענטא׳, און ער איז געגאנגען קיין ׳סענטאש׳, האט ער אבער שוין נישט געהאט קיין חשק זיך ווידער אמאל ארויסלאזן וואנדערן און גיין זוכן די שטאט. האט אים דער אור החכמה געזאגט אז ער זאל גיין קיין סענטא, און ער וועט האבן א סימן אז אין די שטאט וואו זיינע פערד וועלן זיך פלוצלונג אפשטעלן און פגר׳ן, וועט ער וויסן אז ער איז אין זענטא.

וכך הוה, דער זיידע האט זיך ווידער ארויסגעלאזט אויפן וועג, און די פערד האבן זיך אפגעשטעלט אין זענטא. דארט האט ער טאקע געטראפן א אידישער ישוב, און ער האט זיך דארט באזעצט, און אויפגעשטעלט זיין משפחה פון וועלכע עס האבן זיך געצויגן מערערע שיינע גרויסע משפחות אין זענטא און אין די אומגעגענט. ער האט אנגעהויבן מפיץ צו זיין דעם אור החסידות אין די שטאט וואס אירע תוצאות האט זיך גוט געשפירט אין די שפעטערע יארן, ווען זענטא איז געווארן א עיר ואם בישראל, וואס איר לעצטער רב פאר די קריג איז געווען **כ״ק מרן בעל ברך משה זי״ע**. (די יארצייט פונעם זיידן רבי משה איז כ״ז תמוז שנת תקע״ז לפ״ק) (יואל מיטעלמאן, אליעזר זוסמאן מיטעלמאן, אברהם שטערן, שלום סופר)

תתתתקעג) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה״ח ר׳ אהרן הערש בערקאוויטש הי״ו

דער זיידע **הגה״ק רבי יואל צבי ראטה זצוק״ל בעמח״ס בית היוצר אב״ד חוסט** איז געווען דבוק מיט א שטארקע דבקות אין **מרן הגה״ק בעל דברי חיים מצאנז זי״ע**.

עס איז געווען איינמאל ווען ער האט געהערט אז **הרה״ק רבי שלום אליעזר׳ל זי״ע מראצפערט**, דער זון פונעם הייליגן **דברי חיים**, וועט אריבערפארן די שטאט וואו ער האט דעמאלטס געוואוינט, האט ער באלד אנגעטון זיין שטריימל און בעקיטשע, און ער איז אזוי ארויסגעגאנגען מקבל פנים זיין דעם צדיק. (עס דארף באמערקט ווערן אז רבי שלום אליעזר איז נאך געווען גאר א אינגערמאן, ווייל ביי די פטירה פונעם זיידן איז ער אלט געווען בערך דרייסיג יאר).

ווען ער האט איהם געזעהן האבן אנגעהויבן צו פליסן טרערן פון זיינע אויגן און ער האט געזאגט ״דעם רבי׳נס א קינד, דעם רבי׳נס א קינד״.

אין די הסכמה וואס הרה״ק רבי שלום אליעזר׳ל שרייבט אויפן ספר ״**דרשות בית היוצר**״ שרייבט ער בלש״ק ״הגאון הצדיק חסידא ופרישא כקש״ת מו״ה יואל צבי ראטה זצוקל״ה האבד״ק חוסט יצ״ו בשם ״דרשות בית היוצר״ והנה גוף הספר אין צריך להסכמה כי הוא מפורסם לצדיק וחסיד וכ״ק אאמו״ר רבן של ישראל זצוקלה״ה אוהבו מאד וקרבו אותו ביותרת הכבוד״. (משה בערקאוויטש, שמואל מענדלאוויטש)

תתתתקעד) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה״ח ר׳ נח גפן שליט״א שו״ב

ער פלעגט בימי בחרותו גיין צו די שיעורי חובת הלבבות פון ש״ב כ״ק **אדמו״ר הרה״ק רבי הערשעלע זצוק״ל מספינקא**, און ער איז געווען שטארק דבוק אין אים.

אין די תקופה פון די זעקס טאגיגע מלחמה נשא תשכ״ז, ווען די ציונים ימ״ש האבן איינגענומען דעם כותל המערבי, און עס איז געווען א שטארקע בלבול המוחות אויף די וועלט, ווען טויזענטער אידן האבן זיך געפריידט אז מ׳וועט קענען גיין צום כותל המערבי. האט דער ספינקער רבי געזאגט ביים שיעור אז עס קען נישט זיין א זאך וואס קומט פון די קדושה זאל די קליפה הציונית האבן א שייכות דערמיט, ממילא אפילו עס איז זיכער אז דער כותל בעצם איז א הייליגע זאך, אבער אויב איז דאס צוריק געקומען דורך די טומאת הציונית טאר מען נישט גיין אהין. עטליכע טעג שפעטער האט **רביה״ק הדברי יואל זי״ע** מגלה געווען דעת קדשו איבערן איסור צו גיין צום כותל המערבי. (משה הכהן שעהנברון, מרדכי יצחק גפן, אברהם הערש גפן, יואל יושע פעלבערבוים, יואל יושע גפן, אלטר ברוך גפן, משה גפן, משה קטינא)